**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**נידעריגערע הייצונג קאסטן: גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו אויסברייטערן צוטריט צו היים הייצונג הילף פאר עלטערע בירגער**

***ביל S.8760A/A.9369A באציהט זיך צו דאס אידענטיפיצירן און איינשרייבן מענטשן וואס באטייליגן זיך אין EPIC פראגראם און זענען בארעכטיגט פאר HEAP הילף***

***לייגט צוריק אריין געלט אין די קעשענעס פון ניו יארק'ס עלטערע מענטשן און רעדוצירט זייערע הייצונג- און ענערגיע-פארבינדענע קאסטן***

גאווערנער Hochul (האקול) האט אונטערגעשריבן א געזעץ וואס וועט פארמערן די צוגענגליכקייט צו היים הייצונג הילף און העלפן אידענטיפיצירן מער עלטערע מענטשן וועלכע זענען בארעכטיגט פאר דעם היים ענערגיע הילף פראגראם (Home Energy Assistance Program, HEAP) — א פעדעראלער פראגראם וואס איז דא צו באקומען פאר ניו יארקער, צו העלפן היים אייגנטימער און טענאנטס מיט נידעריגע איינקונפט זיך צו קענען ערלויבן די קאסטן וואס קומען פון הייצונג און קילונג. דורך די ביל וועלן מענטשן וואס אפלייען פאר אדער וואס באטייליגן זיך אין דעם מעדיצינען דעקונג פאר עלטערע מענטשן (Elderly Pharmaceutical Coverage, EPIC) פראגראם געגעבן ווערן אינפארמאציע און אנווייזונגען איבערן זיך איינשרייבן אין HEAP.

"פראגראמען ווי HEAP העלפן צוריק אריינלייגן געלט אין די קעשענעס פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער, העלפנדיג אנהייצן זייערע היימער אין די קעלטן פון די ווינטער", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "פונעם העכערן די מינימום געהאלט ביז אונזער פארגעשלאגענע 'אינפלאציע ריפאַנד' טשעקס — טוהען מיר אלעס וואס מיר קענען צו באקעמפן די אפארדעביליטי קריזיס מיטן פולן קראפט."

ביל S.8760A/A.9369A באציהט זיך צו דאס צושטעלן אינפארמאציע איבער HEAP פאר מענטשן וואס באטייליגן זיך אין דעם EPIC פראגראם. די העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) – וואס זעהט אויף איבער EPIC און אפליקאציעס דערפאר – וועט צושטעלן אינפארמאציע איבער HEAP און איבער וויאזוי זיך צו איינשרייבן דערפאר מיט יעדע EPIC אפליקאציע און אזוי אויך דורך א יערליכע איינמעלדונג פאר EPIC אנטיילנעמער.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) קאמישאנער, Barbara C. Guinn (בארבארע סי. גווין), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל וואס וועט ערמעגליכן מער בארעכטיגטע עלטערע מענטשן אין ניו יארק צו ווערן באקאנט מיט- און זיך איינשרייבן אין- די קריטישע קאסטן-איינשפארנדע הילף וואס ווערט צוגעשטעלט דורך דעם היים ענערגיע הילף פראגראם. HEAP איז א קריטישע רעטונג שטריק פאר ארבעטנדע פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט און עלטערע מענטשן וועלכע לעבן אויף א קביעות'דיגע איינקונפט, און עס גיבט אויך פינאנציעלע שטיצע

צו זיכער מאכן אז מענטשן אין עמערדזשענסי מצבים קענען האלטן די הייצונג אנגעצינדן און האלטן זייערע היימער ווארעם דורכאויס די קאלטע ווינטער חודשים."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) פארשטייט אז דאס צושטעלן א זיכערע און באקוועמע היים, באשיצט פון די וועטער אינדרויסן, איז פון די געזעלשאפטליכע אומשטענדן וואס זענען משפיע אויף די געזונטהייט און א יסודות'דיגע זאך צו פארבעסערן געזונטהייט תוצאות. ניו יארק באקומט טייל פון די קעלטסטע טעמפעראטורן דורכאויס די ווינטער, און די וויכטיגע ביל וועט זיכער מאכן אז ניו יארק'ס שוואכסטע עלטערע בירגער ווערן באשיצט פון די קעלט אן דארפן אויסשטיין די צוגעלייגטע קאסטן פון אנהייצן זייערע היימער."

**סטעיט סענאטארשע Cordell Cleare (קארדעל קלעיר) האט געזאגט,** "איך בין דערפרייידט אז די גאווערנער האט איינגעשריבן S.8760A אין געזעץ. די וויכטיגע ביל וועט העלפן גיבן פאר ניו יארקער וועלכע זענען אין דעם EPIC פראגראם אינפארמאציע איבער HEAP, זיכער מאכנדיג אז זיי באקומען גאר וויכטיגע קילונג און הייצונג בענעפיטן אויב זיי זענען בארעכטיגט. אלס פארזיצער פון די קאמיטע פאר עלטערע מענטשן (Aging Committee), בין איך פארפליכטעט צו שתדל'ן פאר אונזערע עלטערע מענטשן, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן פאר געזעצן וואס פארשטערקערן הילפס-מיטלען און וואס היטן אויף זייער וואוילזיין, זיי צושטעלנדיג די שטיצע וואס זיי דארפן פאר א געזונטערע און מער פארזיכערטע צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער), RPh, האט געזאגט,** "אלס אן ארבעטנדער פארמאסיסט וואס האט געארבעט פון די נאענט מיט מענטשן וואס באטייליגן זיך אין EPIC זינט עס איז אוועקגעשטעלט געווארן, בין איך גוט באקאנט מיט די באפעלקערונג וואס וועט זעהן א פאזיטיווע השפעה דורך די וויכטיגע ביל. אין העלטקעיר קאנצענטרירן מיר זיך אפט אויף מעדיצינען, באהאנדלונגען און מעדיצינישע קעיר – וועלכע זענען קריטיש – אבער עס איז פונקט אזוי וויכטיג צו אדרעסירן די געזעלשאפטליכע אומשטענדן וואס זענען משפיע אויף די געזונטהייט (Social Determinants of Health, SDOH), אריינרעכענענדיג האוזינג און די מעגליכקייט צו האבן אפאָרדעבעל ענערגיע קאסטן. די ביל איז א וויכטיגע טריט צו פארשפרייטן די ידיעה איבער דעם היים ענערגיע הילף פראגראם (HEAP) צווישן מענטשן וואס באקומען EPIC — פילע פון זיי זענען מעגליך שוין בארעכטיגט אבער נאכנישט איינגעשריבן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ, אזוי ווי עס וועט העלפן אונזערע עלטערע מענטשן בלייבן אין זייערע היימער, רעדוצירן זייערע ענערגיע קאסטן און זיכער מאכן אז זיי קענען פארזעצן צו זיין אקטיווע מיטגלידער פון אונזערע קאמיוניטיס. דורכן פארמאכן די לאך אין צוטריט צו הייצונג הילף, טוהען מיר אדרעסירן א קריטישע נויט וואס שטיצט דירעקט די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארק'ס עלטערע באפעלקערונג."

גאווערנער Hochul (האקול) האט געארבעט צו אויסברייטערן דעקונג און פינאנצירונג פאר ניו יארקער צו באקומען הייצונג הילף דעם ווינטער. אום נאוועמבער 12 האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט אז נאך פינאנצירונג איז דא צו פארטיילט ווערן פאר עלטערע מענטשן און הויזגעזינדער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט צו העלפן אראפנידערן זייערע הייצונג און ענערגיע בילס. HEAP קען גיבן ביז $996 פאר בארעכטיגטע הויזגעזינדער, און עס האט צוריק אריינגעלייגט איבער 397 מיליאן דאלאר אין די קעשענעס פון ניו יארקער.

אפליקאציעס פאר די רעגלמעסיגע HEAP בענעפיט האבן אנגעהויבן אנגענומען ווערן אין נאוועמבער 1, 2024, און קענען געפונען ווערן דא. עלטערע מענטשן וואס דארפן הילף מיטן אויספילן זייערע HEAP

אפליקאציעס קענען זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע אפיס פאר עלטערע מענטשן ( office for the aging) אדער זיך פארבינדן מיט די NY Connects הילף האטליין אויף 1-800-342-9871.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן